ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שמחת שלום
# אידיש

**86**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשל"ח לפ"ק

זה השער לה' צדיקים יבואו בו

בעזהי"ת

# קונטרס

# שמחת שלום

## חלק ראשון

### כולל הלכות ומנהגי חופה וחתונה השכיחים ונזנחים מחמת חסרון ידיעה

מלוקט משו"ע ואחרונים, אשר מימיהם אנו שותים, ובעקבותיהן אנו הולכין, וידיעתן נחוצים מאוד לכל בית נאמן בישראל, אשר יסודתה בהררי קודש, ומגמתה להמשיך שלשלת הקדושה לדורות הבאים, עד שיתקיים בנו גאולת וישועת הנביאים, במהרה.


הו"ל בחמלת ה' עלי בזכות אבותי ודבותי הק' זי"ע

**הק' שלום יודא גראס**

רב דקהל „מגן שאול" ד„האלמין" ור"מ בישיבה וכולל „בית ישעי" „מכון להוראה בשחיטות ובדיקות"



הוצאת

**אמונה פאבלישינג**

ברוקלין נוא יארק

שנת תשל"ח לפ"ק

נדפס בבית דפוס אופסט „מוריה" ברוקלין, נ"י יזרם

הרוצה להשיג הספר הזה יפנה אל המוציא לאור:

*Copyright © 1977*

כתובת המחבר:
Rabbi Sholom Y. Gross
4711 – 12th Ave. Apt. a-5
Brooklyn, N. Y. 11219
436-8086

כל הזכויות שמורות

*Printed in the United States of America*

דפוס אופסט „מוריה"
**MORIAH OFFSET CO.**
160 JOHN STREET
Brooklyn, N. Y. 11201
(212) 852-4141

## קונטרס

# שמחת שלום

### פארוואַרט

מיר טרעפען פאַר נויטיג און רעכט אָפּצושרייבען געציילטע וויכטיגע דינים וואָס מען מיז אָנקימען דערצי ביי יעדע חופה און חתונה און לויט ווי דער פּראַקטיק ווייזט טרעפט זיך זייער אָפט אַז צוליב אומוויסענקייט פאַלט מען דאָרך אין יסודות׳דיגע הלכות, און דאָס אַלעס איז נאָר צוליב דעם וואָס מען איז פאַריאָגט בפרט פאַר אַ חתונה, און די צייט ערלויבט נישט געהעריג זיך אַריינצוטוהן אין די הלכות, דערפאַר טוען מיר דאָ ציטירען איינצעלנע הלכות, וואָס לויט אונזער ידיעה זענען וויכטיג און נאָכגעלאָזט, און מיר האָפען אַז דאָס וועט ברענגען אַסאַך נוץ פאַרען ברייטען ציבור.

גלייכצייטיג ווילען מיר מעורר זיין די רבנים מסדרי קידושין וואָס זיי זענען באַפולמעכטיגט און באויפטראגט אַז די אַלע הלכות וואָס זענען גילטיג ביז די חופה און דערנאָך זאָלען דאָרכגעפירט ווערען מיטען גרעסטען פּינקטליכקייט (עי׳ ב״ש סי׳ כ״ח ס״ק מ״ט ושלחן העזר ח״ב סי׳ ח׳ בשם הגריי״ח זאננפעלד, וע״ע אה״ע סי׳ מ״ט ס״ג, ובט״ז סק״א, ופת״ש א׳, ושו״ת שו״מ (מהד״ג ח״א רל״ט), ושו״ת מהרש״ך (ח״ב ק״י), ושו״ת מנח״א ח״ג ל״ט, נו״ב אה״ע סי׳ נ״ו), אַזוי ווי עס ווערט באַשריבן באריכות אין אַ בריעף פין הגה״ק משינעוו זצלה״ה (נדמ״ח בס׳ תול׳ קו״א בסופו), דעריבער איז וויכטיג אַז זיי זאָלען אַכטונג געבען אויף די אַלע ווייטער דערמאָנטע זאַכען און עהנליכס צו דעם, ווייל מען קען נישט בויען קיין שום יסוד אַז די מחותנים ווייסען סיי ווי, ותן לחכם ויחכם עוד.

## פרק א
## דינים פאר די חופה וחתונה

א) דער רמ"א שרייבט (אה"ע סו, א,) אַז דער חתן זאָל מקבל קנין זיין בעפאָר די עדים שרייבען אינטער די כתובה, און אַזוי איז דער מנהג, דעסט־גלייכען פירט מען זיך אויב מען מאַכט עקסטרא תנאים מקבל קנין צו זיין פין ביידע צדדים, דאָ מאַכט אַ ערנסטע פראָבלעם וואָס די כלה און מערסטענטייל דער חתן אויך, ווייסען נישט וואָס דאָס מיינט מקבל קנין זיין און הייבען אויף סתם דעם טוך אָדער גאַרטעל וכדומה נישט ווּיסענדיג וואָס טיט זיך, און פאַרשטייט זיך אַז אַזאַ צייט איז זייער אומבאַקוועם פאַר אַ חתן זיך אָנצוריפען אַז ער פאַרשטייט נישט דעם באַדייטונג פין דעם, אינדערצייט וואָס דער חתן דאַרף מיטען פוהלשטענדיגען דעת מקנה זיין זיינע התחייבות פאַרען כלה, דאָס זעלבע די כלה פאַרען חתן, ווייסען זיי נישט וואָס זיי טוען, וואָס פאַראַ ווערט האָט אַזאַ קנין? און אפילו מען זאָל אָפירזיכען אַ היתר און אַ לימוד זכות, איז דאָס זייער פיין אויפען עבר, אָבער להבא, אַז מען טיט אַזאַך וואָס שטייט אין ש"ע, איז נישט קיין אינטערשייד צי דאָס איז מעכב אָדער נישט פאַרוואָס זאָל מען עס נישט טוהן געהעריג אין מן המובחר ווי מען דאַרף? פינקט ווי ביי אַלע מצות און מנהגים (עי' שו"ת הריב"ש סי' ק"ן בשם הר"ן, ובשו"ת אב"צ יור"ד סי' ש') בפרט ווען דאָס קען דאַרכגעפירט ווערען מיט אַ קלייניקייט דאַרכען אויפקלערן דעם חתן ער זאָל אויפהייבען דעם חפץ לכה"פ אַ טפח, לכתחילה דריי טפחים (חו"מ קצ"ח, ע"ש), אינזינען האָבען דאָס קונה צי זיין, און גלייכצייטיג מקנה זיין פאַר די אַנדערע צד די כתובה און תוספת כתובה, דאָס זעלבע טיט מען ביי די תנאים מיט ביידע צדדים.

ב) לויט ווי עס זעהט אויס אין די פוסקים איז דאָס בעסטע מקדש צי זיין מיט אַ רינגעל וואָס דער חתן איז דער אייגינטימער דערפין נישט געבאָרגט, (עי' ב"ש אה"ע סי' כ"ח ס"ק מ"ט), און דערפאַר איז גלייך אַז דער חתן זאָל דאָס געהעריג קונה זיין פאַר די קידושין און אַזוי ווי אויך בשעת די חופה איז דער צייט זעהר בהול, דעריבער איז אַ דבר טוב מען זאָל געבען פאַר'ן חתן אויפהייבען דאָס רינגעל אינדערהיים לשם קנין און דערנאָך זאָל ער דאָס צוריקגעבען לשם פקדון ביז צי דער חופה.

ג) מען דאַרף געוואָרענט זיין אַז דער חתן זאָל נישט איבערגעבען דעם דימענטען רינג אַליין וועגן חשש קידושין ווי עס שטייט אין די פוסקים.

ד) הגה"צ ר"י שטייף זצ"ל האָט געפסק'ט אויב מען טיילט די כיבודים פין די ברכות סיי אינטער די חופה סיי ביים בענטשען, זאָלען די מברכין נישט מפסיק זיין ביזען סוף (עי' ש'מ'ב' קמ"ז י"א).

ה) די ברכה וואָס דער מסדר קידושין מאַכט דאַרף ער אינזינען האָבן דערביי מוציא זיין דעם חתן אַזוי אויך דער חתן דאַרף אינזינען האָבן יוצא צו זיין, און מען דאַרף אָנזאָגן אויך פאַר די כלה זאָל אויסהערן די ברכה און דער מברך זאָל אינזינען האָבן אויך אויף איר (ב'א'ח' פ' שופטים או' ב').

ו) עס טרעפט זיך ביי שבע ברכות, אַמאָל אַז מען איז מכבד דעם חתן צו זאָגן די שבע ברכות, דאַרף מען וויסען אַז לכתחילה טאָר מען דאָס נישט טוהן, און דער רמב"ם האָט זיך אַמאָל געבייזערט אויף אַ חתן וואָס האָט אַליין געמאַכט די ברכות (הר"א בן הרמב"ם, מרדכי כתובות פ"א בשם רב שר שלום גאון, שו"ת ח"ש ח"ב, ל"ח נ"ו, שד"ח חו"כ סעי' ח"י).

ז) מען דאַרף זעהן אַז דער מסדר קידושין זאָל בקי זיין בטיב גיטין וקידושין (עי' פת"ש אה"ע מ"ט סק"א, ושו"מ מהד"ת, ח"א רל"ט, מהרש"ך ח"א ק"ס, וח"ב קס"ז), אַזוי שרייבט אויך שאַרף דער נוהג כצאן יוסף עמוד קי"ד.

ח) דער רב המסדר זאָל דאָרכקיקען די כתובה פאַרען חופה כדי די כתובה זאָל זיין כשורה פאַרען יחוד (אה"ע סי' ס"ו ס"א, ע"ש).

ט) דער יחוד דאַרף זיין אין שטיב פון חתן (רמ"א סי' נ"ה ס"א), דערפאַר דאַרף מען ביי אַ חתונה זאָל צו באַשטימען דעם חדר יחוד פאַרען חתן (מ"ב של"ט ס"ק ל"ב) דעריבער אויב מען וויל יוצא זיין אַהנע פקפוקים ודחוקים זאָל מען בפירוש אויסנעמען מיטען בעה"ב פון זאָל אַז דער חדר יחוד זאָל געהערן פאַרן חתן.

י) לכתחילה דאַרף זיין די טיר ביי יחוד פאַרמאַכט, הגם עס איז דאָ וואָס פסק'נען אַז עס דאַרף נישט זיין פאַרשפאַרט (מנח"י ח"ד כ"ח), עכ"פ פאַרמאַכט דאַרף זיין און מען זאָל נישט אַריינגיין, דעריבער צו באַוואָרענען דאָס איז ראַטזאַם צו פאַרשפאַרען, און נישט עפענען פאַר פינף מינוט (שם סי' צ"ה) טייל האַלטען צען מינוט (קצת גדולי דורינו), און די עדים זאָלען שטיין אינדרויסען.

יא) דער ח"א פסק'ט (אין כלל קכ"ט) אַז ווען דער חופה ענדיקט זיך בייטאָג, מעג דער חתן תיכף עסען, ווייל דעמאָלט איז שוין זיין יו"ט, און אַזוי פירט מען זיך, פינדעסטוועגן אַ חתן וואָס ווייסט אַז דער חופה זיינער וועט זיך ענדיגען בייטאָג זאָל ער זיך אויסנעמען בפירוש אַ טאָג פריער ביי מנחה אַז ער וויל נישט ענדיגען דעם תענית ביז ביינאַכט (מ"ב תקס"ב, י"ב).

יב) עס איז ראוי פאַר יעדן יר"ש ער זאָל זיך אָנגרייטען עדים פאַר די חופה און זאָל זיי זאָגען שטילערהייט זיי זאָלען מהרהר זיין בתשובה, (דפק"ד בהקדמה, עי' רמ"א אה"ע סדר הגט סי' קנ"ד, ובס' דברי יוסף עה"ת, ובשו"ת

תירוש ויצהר ל, ואו״ר רס״ח יב, פמ״ג סק״ה). דערפאַר דאַרף מען פאַר קידוש אויך מהרהר בתשובה זיין (א״ר, ופמ״ג שם, החיד״א במורה באצבע סי׳ ד׳ קמ״ג).

## פרק ב
### מנהגי חופה וחתונה

א) עס איז ליידער איינגעבראָכן געוואָרן די צוים וואָס האָט געהיט טויזענטער יאָרן אויפען אַלטען ירושה׳דיגען אידישען מנהג צי מאַכען אַ חופה אינטערן הימעל מענער שטייענדיג אויף איין זייט און פרויען אויף די אַנדערע זייט, עס האָט זיך שטאַרק אַריינגעכאַפּט אַ מאָדערנעזאַציע אין דעם מנהג, וואָס דאָס שטאַמט פין די רעפאָרמער אין אייראָפּע, דהיינו מען מאַכט די חופה אין אַ שטיב מענער זיצן אויף איין זייט, פרויען, אויף די צווייטע (און דער שטן אינדערמיט) וואָס דאָס גרעניצט זיך מיט הריסה פין ערנסטע אידישע יסודות.

דאָס ערשטע: דער ס״ח (שצ״ג) שרייבט אַז אפילו שמחת חתן וכלה וואָס קען נישט דאָרכגעפירט ווערען אָהנע זעהן פרויען טאָר מען נישט דאָרט זיין, און כאָטש ביי שטייענדיגע חופות אויף די גאַס קען אויך זיין פראָבלעמען אין דעם הינזיכט, פינדעסטוועגן איז דאָס פיל גרינגער, מיט דעם ווען מען שטייט, און מען זיצט נישט אויף איין פלאַץ, און חוץ אַלעם ווען מען מאַכט די חופה אינדרויסן איז געוועינליך באַנאַכט (אָדער פאַרנאַכט) וואָס עס איז טינקעל און מען זעהט שווער, און עס איז אויף די פרייער גאַס, (זעלבסטפאַרשטענדליך אַז עס איז זעהר וויכטיג אפילו ביי חופות אויף די גאַס צי זעהן עס זאָל זיין געהעריג אָפּגעטיילט מענער פין פרויען) און אַזוי האָבען זיך געפירט אבות אבותינו, דעריבער טאָרן מיר נישט משנה זיין ווייל דאָס אָנרירען אַ מינדעסטע טייל פון אַ מנהג ציברעכט אידישקייט, ווי מיר האָבען בייגעלעבט די לעצטע הינדערט פיפציג יאָר וואָס גאַנצע מדינות זענען אויסגעשמד׳ט געוואָרען דורך טשעפּען אידישע מנהגים, און אַזוי האָבען מיר בקבלה פין מרן חת״ס זצ״ל ,חצ״ש אסור מה״ת״ און ,עושה חדשות בעל מלחמות״ און דאָס איז פאַליבען אונזער איינציגע צוים צווישען ערליכע און פרייע.

ב) פיל פיל ערגער איז די מאָדערנע חופה אין אַ שטיב וואָס איז אַרומ־געגנימען, דאָרט שפּירט מען זיך מער אינאיינעם, (סברת כמה ראשונים לענין יחוד, סוף קידושין, אה״ע סי׳ כ״ב) די שטיב איז באַלויכטען מיטען פוהלען טעמפּאָ פינקט ווי אינמיטען טאָג, און מען קען געהעריג קיקען איינע צום צווייטען, און ועל כולם מען זיצט! די פרויען פין איין זייט מענער פין די אַנדערע זייט, ווינדער איבער ווינדער די זעלבע מענטשען וואָס ביי אַ חתונה וואָלטען זיי ח״ו נישט געגעסען אין זעלבן זאַל מענער אין פרויען און ביים חופה

איז אַלעס כשר ??? **מנהג רעפאָרם – ולהבדיל מנהג אבותינו. עובד ליצרו – וליוצרו.**

ג) געדענקט ליבע אידען, ביי די רעפאָרמער האָט זיך אויך נישט אָנגעהויבען מענער אין פרויען ציזאַמען אויסגעמישט, נאָר קודם האָט מען אָנגעהויבן אָהנע מחיצה צווישן מענער און פרויען דערנאָך איז געוואָרען אַלס ערגער, ווילאַנג מען האָט נישט געמאַכט קיין שום אינטערשייד, מענער און פרויען אַלעס ציזאַמען רח״ל, דאָס זעלבע קען פּאַסירען ח״ו מיט די חופות, היינט זיצען מענער אויף איין זייט פרויען אויף די צווייטע ווען דער אייניקעל וועט חתונה מאַכען קען שוין זיין ח״ו אויסגעמישט, פאַרוואָס ?

ד) דער תירוץ איז גאַנץ איינפאַך ווילאַנג מען ווייס אַז מען טאָר זיך נישט אָוועקרירען אפילו אַ האָר פין מנהג אבותינו ואמותינו וואָס מיר האָבען געירש׳נט דור אחר דור ביזען באַרג סיני, און אַזוי ערציהט מען די דורות ווייטער קען מען האָפען בעזהי״ת אַז די אייניקלעך וועלען אָנהאַלטען די טראַדיציע און שטעלען אַ חופה וואָס זיי זאָלען זיך נישט דאַרפען דערמיט שעמען פין זייערע עלטערן, טאָמער טיט מען מאָדערנעזירען דאָס אידישע הייליגטום ווי חופות א. ד. ג. דעמאָלט טוען די קינדער נאָך דעם זעלבן ביישפּיל, און אַזוי ווי דער מאָראַל פאַלט דאָך שטענדיג יעדן דור, ווערט אַלעס מאָדערניזירט און עס איז איינגעשטעלט אַז ביי די אייניקלעך זאָל זיין געמישטע חופות און חתונות, רח״ל, ה׳ ישמרנו. און אויסערדעם ווערען די קומענדיגע דורות ערצויגען מיט׳ן פּרינציפּ אַז יעדער טוהט וויאַזוי אים גליסט, און ער דאַרף נישט נאָכטוהן די עלטערן ביי קיין שום מנהג שבעולם, און דאָס איז הריסות הדת, חורבן תורתינו הק׳.

## שטיין ביי די חופות

ה) די צווייטע פעלער פין די סאָרט חופות ווייל אַלע אונזערע מנהגים זענען באַזירט אויף הייליגע פונדאַמענטען אפילו טיילמאָל איז פאַרהוילען פון אונז דער טעם און אפילו דאָס שטיין באַ דער חופה האָט אַ מקור אין די הלכה ווי עס ווערט באַשריבען אויספירליך אין תיקוני זוה״ק (תיקון י׳) אַז בשעת קידושין און שבע ברכות דאַרף מען שטיין, און הגאון ר׳ שלמה קלוגער זצ״ל שרייבט (האלף לך שלמה סי׳ קט״ו) אַז מען דאַרף חושש זיין דערויף, און מיט די נייע חופות איז מען עוקר קאַמפּלעט די הלכה.

## חוקות הגוי

ו) דער דריטער פעלער פון די חופות, דער איסור תורה ובחוקותיהם לא תלכו, ווייל דער מנהג ביי רעפאָרמער שטאַמט פינעם גוי, און דערפאַר

אויסערדעם וואָס מיט די חופות באַיקאַטירט מען גענצליך דעם איסור, איז מען מסכן דעם גאַנצן עקזיסטענץ פין יהדות מיטען אַריינברענגען גוי'שע מנהגים, יעדעס שטיקעל גוי'שקייט שטיפט אַרויס אַסאַך אידישקייט, און לויט ווי מיר האָבן זיך נאָכגעפרעגט עקזיסטירט נישט היינט צי טאָג אין ארץ ישראל דאָרט ווי עס איז געדעכט באַוואוינט מיט היימישע אידען (אַזוי ווי ירושלים, בני ברק, א.ד.ג.), מער ווי איין האָטעל וואָס טיט ערצייגען די סאָרטען חופות.

## רבנים מסדרי קידושין – זייט געוואָרענט!

ז) און פינקט ווי עס ליגט אַ פליכט אויף יעדען נישט צי זיין אַנוועזענד ביי די דאָזיגע חופות ליגט גלייכצייטיג אַ אויפגאַבע אויף די אַלע אָרטאָדאָקסישע רבנים מסדרי קידושין צי פאַרלאַנגען פין די מחותנים אויסשליסליך נישט צי מאַכען די אויבענדערמאָנטע חופה צערעמאָניעס, וואָס ציברעכט דעם מויער פין אידישקייט! און נישט מסדר קידושין זיין אויף אַזאַ פלאַץ, ווייל דאָס קלאַפט זייער מאָדנע אַזאַ סאָרט מורכב'דיגע חופה צערעמאָניע, אַן אָרטאָקסישער רב מיט אַ נעאַלאָגען (רעפאָרעם) חופה, דאָס זעלבע איז מיט די אַנדערע רבנים וואָס נעמען אנטייל אין די חופה, צ. ב. ש. לייענען די כתובה, שבע ברכות, דאַרפען אויסמיידען די סאָרטען חופות, כדי נישט צי מאַכען אַ חילול השם און ברענגען דערצי מען זאָל זיך מורה היתר זיין לכבוד דעם, נאָכציטאָן דעם מאָדערנעם ביישפיל. ווייל אַלע פירצות הייבען זיך פין די גדולים, כ"ש אַז דאָס איז אַ חילול השם ווען דער רב אַליין ביי זיין שמחה מאַכט אַזאַ חופה צערעמאָניע.

## פרק ג

## חופה און חתונה בילדער

א) די צווייטע מכה איז מכת „ברד" דאָס גרויסע בליצערייי וואָס קימט פאָר בשעת'ן קבלת פנים, חופה, חתונה, פין די בילדער מאַכער'ס האָט שוין געגרייכט דעם קלימאקס, עס לאָזט זיך אַליינס נישט גלייבען; וואָס מען הערט ווילאַנג מען טיט דאָס נישט מיטלעבן.

ב) מיר רעדען נישט פון חומרות מחמיר צי זיין ווי די שיטות וואָס האַלטען אַז פאָטאָגראַפיע בילדער זענען אסור עפ"י הלכה, (עי' טויור"ד קמ"א בשם הרמב"ן, וריטב"א ע"ז, מ"ג, ד"ה ואיבעיא וכ"ה דעת או"ז מובא בהג' אשר"י שם, וכן בתוס' ע"ז מג, ד"ה לא תעשון, ועי' שו"ת שאילת יעב"ץ ח"א קע: וביער"ד ח"א דרוש ב, ועי' פת"ש יור"ד שם בשם השל"ה, ובשו"ת לחם רב סי' כא, שו"ת דברי מלכיאל ח"ג סי' נ"ח, וערוגת הבשם כללי אחע"א שער עבודה

שבלב מאמר ג׳, ותולדות שמואל מצוה לט, ועי׳ הקדמה לשו״ת בית שערים דמעולם לא התפלל ולא אמר דבר שבקדושה במקום שהי׳ שם צורת אדם, וכמו״כ נהג הגה״ק בע׳ שו״ת לבוש״מ כמבואר בתולדות קו״א, וע״ע תולדות שמואל קורות הגה״ק מאונסדארף (פ״ז או׳ י״א), וע״ע דברי שלום סטראפקוב בתוספת בסופו עובדא נוראה מתמונות הגה״ק מהר״ש מבעלזא זצ״ל, שאירע אצל בנו הגה״ק מהר״י זצ״ל).

## פארצייטישע חתונות

ג) נאָר אפילו לויט די פוסקים המתירים איז נישט דער זמן החופה וחתונה דער פּאַסיגער צייט צו די זאַכען, אַ מינוט וואָס פלעגט ביי אונזערע זיידעס זיין אַרימגענימען מיט די פוהלע ערנסטקייט און אינעוויינינגסטע ציטער מיט התרגשות פּינקט ווי יום הקדוש ביי נעילה אויסגעמישט מיט פרייד אַז מען האָט דערלעבט מיט מזל דעם גליקליכסטען מאָמענט פין לעבן ציפירען די קינדער צו די חופה, וואָס אַסאַך האָבען נעבעך נישט זוכה געווען צו דעם, און אין דער זעלבער צייט זענען די אויגן און הארץ געווענדעט צום אייבּיגען באַשעפער, פיל מיט ליבּ אויפען פאַרגאַנגענהייט וואָס מען האָט פאַרשידענס דאַרכגעמאַכט, יעדער לויט זיין מצב, ביז מען האָט שוין ענדליך דערלעבּט צו קוים ערוואַרטעטע מינוט פין פרייד, און בעטענדיג דערביי דעם אלמעכטיגען באַשעפער ער זאָל ווייטער האַלטען די רעכטע האַנט און שיקען פאַר די פּאָר פאָלק אַסאַך יאָרען פין גליקליך לעבן מיט אידיש נחת צו ציען ווייטער די גאָלדענע אידישע קייט, ביז משיח׳ן און די עלטערן זאָלען דערלעבן צו זעהן נחת פין זייערע אייניקלעך, מיט׳ן נאָכגיין אין די פיסטריט פין זייערע אבות, מיט תורה און יראת שמים, בקדושה וטהרה, וואָס איז אָפּהענגיק אין סייעתא דשמיא, און דערפאַר האָט מען נישט געשפּאָרט צו לאָזען רינען אַ היפּש ביסעל הייסע טרערן פאַר און ביי די חופה, ווייל נאָר דאָן זענען מיר פאַרזיכערט אַז די תפלות ברעכען אַדאָרך אַלע אייזערנע מחיצות, און גרייכען ביזן כסא הכבוד, וואָס דאָס ברענגט דערנאָך די ערוואַרטעטע רעזולטאַטען.

ד) אויך די חתן וכלה האָבען געשפּירט דעם העכסטען טאָג פון זייער לעבן דער יום כיפור פינען גאַנצען פאַרגאַנגענהייט, זיי האָבען געשפּירט פאַר וויכטיג דעם עת רצון פינען ערב חתונה אַדאָרכצוזוייקען דאָס תהלים׳ל מיט טרערן פין תשובה און חרטה אויפען עבר, מיט וואָס מען האָט שוין אָנגעברענגט בערך אַ פערטל טייל פין לעבען, אָנגעמענדיג אַ פעסטע באַשלוס אויף ווייטער זיך צו האַלטען תורה טריי, מיטען אמת׳דיגען אור אַלטען הייליגען אויסגעטרעטענעם וועג וואָס מיר האָבען בירושה פינעם באַרג סיני ביזן היינטיגען טאָג, אָהנע שום פּשרות אין מאָדערנעזאַציע וואָס. שטאַמט פין בעל דבר, מען האָט גיט

פאַרשטאַנען אַז אין די תפלות פין דעם טאָג זענען אָפּהענגיק דורי דורות פין ווייטער, דאָס טראַכטענדיג בלויז איז גועניג געווען אַריינציברענגען די ריכטיגע מאָס ערנסטקייט, ביי אנשי מעשה האָבען די מחותנים אויך געפאַסט און מתפלל געווען דעם טאָג, און אַלע אינאיינעם האָבען זיך אויסגעוויינט פאַרען באַשעפער וואָס פירט די וועלט, אַז דער רבש״ע זאָל געבען די זכיה זיי זאָלען אַראָפּ־ברענגען אַ הייליג אידיש געזינט דור, וואָס זאָלען זיין געטרייע דינער פאַרען רבש״ע, ווייל יעצט איז דער עת רצון והתעוררות אויסציבעטען די אַלע זאַכען, אַ טאָג פין מחילת עונות איז דער זמן ושעת הכושר אין הימעל, נאָכדעם ווען אַלע האָבען זיך באַטראַכט אין די סיבה פונעם חתונה, וואָס איז צוליב די גזירה אַז אַ מענטש מיז שטאַרבען, דעריבער מיז מען זעהן די דורות זאָלען זיך ווייטער ציען, האָט דאָס אויפגעוועקט די סטרונעס פין די נשמה אַז אָט אָט וועט מען דאַרפען געבען דין וחשבון, דאָס איז גועניג געווען אַז מען זאָל ציבראָכען ווערען און תשובה טוהן ווי מען דאַרף, אויך פאַרגעסט מען נישט דער הויפט פין אַלע בקשות, אַז דער שכינה הק׳ מיטען גאַנצען כלל ישראל זאָלען שוין אויסגעלייזט ווערען נאָך אַזויפיל טויזענט יאָר פין צער און פּלאָג מיט מיליאָנען אידישע קרבנות, און מען זאָל זעהן בקרוב דעם גואל צדק.

ה) זעלבסטפאַרשטענדליך אַז נאָכען אָנפירן אַזאַ ריין געלייטערטע תשובה׳דיגע ערב חתונה, איז דער קבלת פנים געווען אַדורכגענימען מיט געוואַלדיג ערנסטקייט מצד אַלע מחותנים און נאָנטע וואָס ברענגט ע״כ אויך התעוררת אין די אַרומיגע, ווער רעדט נאָך די חופה גרייכט שוין דעם קלימאַט דאָס איז גבוה מעל גבוה, און אַז די אָנהייב חתונה איז געווען אַזוי, האָט זיך אַלעס ווייטער אַזוי געפירט מיט אידישע היימליכקייט, אויסגעמישט מיט הייליגע פרייד און דאָס האָט מען געקענט מיט רעכט אָנריפען אַ אידישע שמחה.

## טייל חופות היינט צי טאג

ו) היינטליידער מיט די בילדער, וואָס דער בעל דבר האָט אינטערגעריקט, האָט ער קינסטליך אַ קנאַק געטוהן אויפען אידישליכען געשמאַק און התעוררת מיט ערנסטקייט פין די חופה און חתונה, און זי גענצליך פאַרניכטעט, דער בעל דבר איז אַ פּיפיגער סוחר אין זיין לייַן ער פאַרשטייט אַז אָפּצירעדן פין מאַכען חופות וועט זיך אים נישט איינגעבן דעריבער האָט ער אויסגעריבט דעם צענטראַל פּונקט פינעם חופה און חתונה, און זיך פולקאָם באַגעניגט מיט דעם, ווייל מיט דעם האָט ער שוין אַלעס, דאָס חיות דער נשמה און לעבהאפט מיט אידישע פרייד און התעוררת האָט ער ציגענימען און איבערגעלאָזט דעם גוף, בלויז חיצוניות איז געבליבען.

# שמחת שלום

## סדר היום ערב חתונה, וחתונה – מודרני

ז) לאָמיר אַביסעל אַריינקיקען אין דעם פיקטשור חופה וויאַזוי דאָס גייט צי, קודם ערב חתונה איז דער גאַנצער קאָפּ געווידמעט אַז דער בילדער מאַכער זאָל אומבאַדינגט נישט פאַרפאַסען צי קימען, און דערפאַר נעמט שוין די קליידער צורישונג לאַנגע שעה'ן, ווייל יעדער בר דעת פאַרשטייט גאַנץ וואויל אַז דאָ האַנדעלט זיך פין אַ לעבענס פראַגע ווייל אַזוי ווי מען קיקט אויס ביי די חתונה, אַזוי וועט מען אויסזעהן אויף די בילדער, שטענדיג, און דאָס וועט מען קיקען אַ גאַנץ לעבען, ציזאַמען מיט אַלע קרובים, דאָס איז נישט קיין קלייניקייט! און ווער רעדט נאָך טאָמער דער אנצוג אָדער אַנאַנדער לבוש איז עפּעס נישט פּערפעקט ווי מען האָט געוואָלט, דעמאָלטס איז שוין דער גאַנצער חתונה אויסגעמישט מיט עגמת נפש געפילען, יעדענפאַלס אפילו דאָרט ווי דער ערב חתונה איז שוין אָדאָרך מער וויניגער ווי עס דאַרף, קימט צום קבלת פנים און חופה הייבט זיך אָן די קאָמעדיע, ווייל ווי פאַר יעדען באַקאַנט ביי די פיקטשור חתונות ווערט גענימען אַ בילד פין יעדע באַוועגונג אָהן גוזמא, סיי פין די פאַר פאָלק סיי די מחותנים און משפחה, ווען אַ פרעמדער וואָס איז נישט געוואוינט צי די זאַכען, פאַלט אַריין צי אַזאַ סאָרט חתונה קען ער זיך וואלגערען פאַר געלעכטער ציקיקענדיג דעם גאַנצען הלוך ילך. און עס גלייבט זיך שווער אַז דאָס איז אין אמת'ן אַ חתונה, נישט אַ שוי-שפיל. די מחותנים זיצען מיטען חתן איין בילד! אַלע שטייען נאָך אַ בילד! מען ברענגט צי די משפחה נאָך אַ בילד! איין מחותן גיט לחיים, נאָך אַ בילד! אַ שיינער איד גיט לחיים נאָך אַ בילד! דער חתן איז מקבל קנין אַ בילד! דער חתן שרייבט אינטער דעם נאָמען אַ בילד! די מחותנים געבן זיך מזל טוב אַ בילד, דער חתן טיט אָן דעם קיטעל אַ בילד, דאָס איז ביי טייל עולם, ביי די ריכטיגע איז די גאַנצע חתונה פאָטאָגראַפירט, נאָר דאָס איז נאָך גאָרנישט דער בילדער מאַכער גייט צי צים חתן אין טיילט אים איין וואָס צי טוהן. יעצט זיץ! יעצט שטיי! יעצט גיי! יעצט לאַך! אויב ער האָט עפ"י טעות געגעבן לחיים אָהנע שמייכעל מוז ער נאָכאַמאָל געבען לחיים, איך ווייס אַ פאַסירונג ווי דער חתן האָט געוואָלט עפענען די גרויסע חלה נאָך אַ טאָג פאַסטען, האָט זיך אָנגעריפען דער בילדער מאַכער, איין מינוט!! איך בין נאָכנישט גרייט!! אין דער חתן האָט געפאָלגט, דאָס איז אַ מעשה שהי', און מי יודע וויפיל חתנים האָבען געדאַרפט וואַרטען מיטען רינגעל ווילאַנג דער פאָטאָגראַפאַר איז געווען גרייט.

## אידישער טעם אין חתונה

ח) עכ"פ אַזוי ווערט אָנגעפירט די חופה און חתונה מיטען מצוה טאַנץ, יעצט טראַכט אַריין! קען מען שפירען אפילו אַ ברעקל ערנסטקייט אַזאַ צייט

ווען יעדע מינוט מיז מען זיין גרייט מיט אַלע פיטשובקעס כדי מען זאָל ווישט אויסקיקען נאָכער ווי אַ גאַנצער חוזק אויפען בילד, שטעלט אייך פאָר וואָס פאַר אַ עגמת נפש דאָס וואָלט געקענט זיין ווען אויפען בילד פין די חופה זעהט מען דעם חתן מיטען שטריימעל אַביסעל געריקט אין דער זייט, ווער רעדט נאָך אויב מען וועט זעהן אַז עס איז געפאַלען אַ טרערביים חתן, איז מען ח״ו פאַר־אומגליקליכט אַ גאַנץ לעבן (לשיטתם), דעריבער איז דער גאַנצער קאָפּ פין אַלע מחותנים צי שמייכלען און אַכטונג געבען אויף די מלבושים און אויפפירונג אַ גאַנצע חתונה מען זאָל ח״ו נישט קימען צי קיין בזיונות אויף די בילדער ווייל גדול כבוד הבריות, אין דערפאַר איז אַ ערנסטע שאלה אויב מען דאַרף מאַכען די ברכה מתיר אסורים נאָך די חתונה, ווייל ביז דאַן איז מען געווען כמעט ווי געבינדען און געמיזט זיצען־שטיין, באַוועגלאַז ווי געלעמט ח״ו. און אַזוי פאַרלירט זיך די ערנסטקייט פין די חופה, און דעם ריכטיגען טעם פין אַ פרייליכע אידישע שמחה, און עס ווערט אַלעס פאַרוואַנדעלט אין אַ שפיל, ל״ע, ווייל דאָס געשטעלט פין אַזאַ חופה איז פּינקט ווי מען זאָל וועלען פאַרשטעלען אַ שפיל פין אַ פאַרצייטישען חופה וויאַזוי עס האָט אויסגעזען, ווייל דער חיצוניות זעט אויס דער זעלבער, (אויסער די צניעות און בילדער) אויף אַזוי ווייט אַז עס איז אַמאָל פאַרגעקימען דאָס מחמת דעם בלבול פין בילדער מיט טעיפּ רעקאָרדער ביי די חופה, איז ענטשטאַנען אַ גאַנצע טומעל ווייל קיינער אַריינרעכענדיג דעם חתן האָט נישט געדענקט אויב ער האָט געזאָגט ,,הרי את״ ביים געבן דעם רינגעל.

ט) און ועל כולם ווי קען מען נאָך ערוואַרטען די דרינגענדע חסדים פין הקב״ה וואָס דאַרף אויסגעפועלט ווערען ביי די חופה, אינדערצייט וואָס מען פאַרגעסט דעם עיקר צי בעטען דעם באַשעפער, און מען לאָזט אַרויסגעליטשען דעם זעלטענעם עת רצון, מיט עולם הזה׳דיגע פאַרבלענדענישן. און מיר פסקנ׳ן הבא לטהר מסייעין לו און ווי איז דער ,,לטהר״ דאָס וואָס מען זיכט העלפט מען פין אויבען אויב די גאַנצע שטרעבונג איז די בילדער זאָלען געלונגען פערפעקט, העלפט מען דאָס, און די ויידעס וואָס קימען אַראָפּ פין יענעם עולם זענען אודאי נישט גרייט דאַרכצימאַכען די אַלע עולם הזה׳דיגע צערעמאָניעס, און גאַנץ זיכער אַז זיי מאַרשירען זיך אָוועק תיכף ביים אַנקום, דאָס זעלבע מיט די אויבענדערמאָנטע שטיב חופות, דעריבער געדענקט דאָס איר געפינט זיך אויפען שידוועג, אָדער בילדער ככל הגרים, אָדער להבדיל עד אין קץ די ויידעס און טאַטעס שנהרגו על קדה״ש, ביי די חופה זיך מיטציפרייען, ציזאַמען מיט די שכינה הקדושה.

דעריבער אַזוי ווי לא אלמן ישראל און ב״ה עס איז נאָכנישט אַזוי שטאַרק איינגעריסען, ביים היימישען עולם, דאַרף מען דאָס ווייטער אָנהאַלטען מיט

עקשנות, און נישט זיך מקנא זיין אין די פּאָר שטיבער ליידער וואָס האָבען איינגעריסען דעם צוים, ווי עס שטייט ,אל תקנא לבך בחטאים, כ״א ביראת ד׳ כל היום״ זייט זיך ליבערשט מקנא אין די ערליכע אָפּגעהיטענע אידען, וואָס פירען זיך פּינקט אַזוי ווי ביי זייערע טאַטעס און זיידעס.

# די אומגליקען וואס קומען פון ,,פוטער מאנטלען״ און ,,גאַונס״

עס איז ליידער שטאַרק צעשפּרייט געוואָרען ביי היימישע אידען שומרי תורה ומצות אַז זיי לאָזען די ווייבער זיך קליידען מיט טייערע פוטער ,,מאַנטלען״ (,,Fur Coat״) עס איז איבריג צו זאָגען אַז נאָך אין דער אַלטער היים אין אייראָפּע איז געווען באַוואוסט ביי אַלע אידען אַז דאָס איז אַ בגד של פּריצים, און אַזוי איז געווען אָנגענומען אין אַלע אידישע קרייזען, דערפאַר קלינגט טאַקע אומגלויבלעך, אַז דאָ אין אַמעריקע האָט זיך דאָס רעדעל אַדריי געטוהען און די מאָדע האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו גאָר היימישע אידען, נישט קיין חילוק אָרעם אָדער רייך.

שוין אָפּגערעט פון דעם וואָס עס ווערט פאַרשווענדעט אויסגעהאָרוועטע אידישע געלטער אויף אַזעלכע איבריגע קליידונגען, וואָס מיט דעם געלט האָט מען געקענט מחי׳ זיין צענדליגער אידישע נפשות אין ארצנו הקדושה. וואָס גיין ממש אויס פון הונגער, און קוקען אַרויס נאָך יעדע פּרוטה וואָס מען שיקט זיי פון דאָנעט.

וויפיהל הערצער פון חתנים וכלות וואָלט מען געקענט דערפרייען מיט די געלטער, וואָס ווערען פאַרשווענדעט אויף די לוקסוס מאַנטלען? וואָס ליידער איז דאָס נישט קיין זעלטענע ערשיינונג אַז צוליב געלט מאַנגעל ווערען אָפּגעשטופּט חתונות אויף חדשים און יאָרען.

הונדערטער ליידענדע וואָס קענען נישט צוקומען צו די נויטיגע מעדיצינישע הילף און קענען זיך נישט ערלויבען אונטערזוכט צו ווערען דורך פּראָפעסאָרען, וואָס פעלט זיי אויס ממש צו דערהאַלטען דאָס לעבען, אַלעס צוליב זייער געדריקטען געלט מצב.

וויפיל עלטערען מוזען שיקען די קינדער אַרבעטען פריצייטיג און רייסען זיי אָפּ מיט געוואַלד פון דער גמרא, שיקן זיי אַוועק פאַרשוואַרצט צו ווערען ביי דער אַרבעט, ווייל די עלטערען זענען צעבראָכען, און קענען נישט אויסהאַלטען דעם ריזיגען דעפיציט?

וויפיל כולל יונגעלייט האָבען געמוזט צומאַכען די גמרא און גיין אַרבעטן, כדי צו קענען נאָכקומען דאָס לוקסוס שטייגער לעבען וואָס די יודענע וויל נישט פאַרציכטען, וואָס אין דעם נעמט דער „פאַר קויט" דעם גרעסטען טייל, פון די טויזענטער דאָלערס וואָס מ'באַצאָלט פאַר אַ „פאָר קאַויט", וואָס פון דעם געלט וואָלט אַ כולל יונגערמאַן געקענט זיך אויסלעבען בהרחבה אַ קיילעכדיגען יאָר.

דערפאַר חשובע אידען פאַרגעסט נישט דעם עיקר תכלית פון לעבען אַרויסצוהעלפען אַנדערע אידען אין זייער נויט, צו ערמעגליכען עלטערען חתונה מאַכען זייערע קינדער, און מחי' צו זיין צובראָכענע הערצער וואָס האָבען נישט פון וואו דורכצושטופען זייער טעגליכען בודזשעט. און דער הויפט אייער אייגענעם לעבען און געזונט וואָס ווערט רואינירט דורך אָנשטרענגען זיך און אַרבעטען ווי אַ פערד מיט „אָווער-טיים" כדי צו קענען נאָכקומען אַלע וואַבערישע פאַרלאַנגען.

מיר קענען אויסרעכענען פאַרשידענע אומגליקען וואָס האָבען פּאַסירט די לעצטע פאָר צענדליג יאָר, מענטשען האָבען געליטען פון שווערע האַרץ אַטאַקעס, דורכען אָנשטרענגען זיך מיט אַרבעטען אָווער-טיים צו קענען נאָכ-קומען די לוקסוס פון „פאָר קויטס" וואָס די יודענע האָט נישט געוואָלט פאַרציכטען, צענדליגער שלום בית'ער זענען צושטערט געוואָרען דורכען לוקסוס גֶעיאַג, צענדליגער יאָרען זענען אָפּגעשניטען געוואָרען פון מענטשען'ס לעבען דורך רעגעניש און האַרץ עסעניש וואָס די „פאָר קאויטס" האָבען פאַראורזאַכט.

דעריבער אויב איהר ווילט אָנפירען אַ רואיג כשר אידיש לעבען מיט געזונט און לאַנגע יאָרען פון אמת'דיגע פרייד און זעהען אידיש נחת ביי די קינדער און אייניקלעך, איז דער איינציגער וועג צו פאַרציכטען אויף די „פאָר קויטס" און אַזוי אויך אויף אַלע אַנדערע מותרות.

אויסער די אַלע אויבענדערמאָנטע סיבות נישט צו טראָגען קיין „פאָר קאויטס" מוזען מיר באַמערקען אַז גלייכצייטיג איז דאָס אויך פאַרבאָטען לויט דער הלכה, אַזוי ווי עס ווערט געברענגט אין שו"ת דברי חיים (ח"א יו"ד סי' ל') אַז אַ פרוי וואָס גייט מיט דעם לבוש איז עובר אַן איסור פון דער תורה הק', אין די צייטען פון בית המקדש וואָלט זי באַקומען 39 קלעפּ מיטען לעדערנעם קאַנטשיק.

נאָך שרייבט דער צאַנזער צדיק זצ"ל (שו"ת דברי חיים ח"ב יו"ד סי' נ"ח) מיט שאַרפע ווערטער אַז אַ פּריצות'דיג בגד טאָר אַ אידישע טאָכטער נישט גיין געקליידעט מיט דעם.

דער הייליגער דזשיקעווער זצ"ל שרייבט (שו"ת אמרי נועם יו"ד ח"ב סי' ט"ז) דאָס מען זעהט בשיינפירליך אַז דאָס גאַנצע אידישקייט העננגט פאַלקום אויף דעם.

דאָס זעלבע שרייבען אויך אַנדערע גאונים וצדיקים זצ"ל (שו' משיב הלכה יו"ד סי' ז' וסי' ח', ערך ש"י יו"ד סי' קע"ח) דערפאַר דאַרפען וויסען די אַלע

וואָס טראָגען די „פאָר קאויטס" אַז דאָס אחריות פון עקזיסטענץ פון אידענטום ליגט אויף זייערע פלייצעס.

געדענקט ברידער! אַלע אומגליקען קומען פון פריצות (חפץ חיים באגרת, ר"ה קאלאמאייער בכל ספריו, ספר מחנ"ק), און נאָר דורכען זכות פון צניעות ווערט מען באַשאָנקען פון הימעל מיט גליק און פרידען און אַסאַך אידיש נחת.

# „גאונס"

עס איז ליידער גיט באקאנט פארען ברייטען חרידישען ציבור די געוואלדיגע גרויסע פירצה וואס האט זיך ארייגעכאפט איז היימישע שטיבער, צי טראגען לאנגע קליידער ביז דער ערד המכונה „גאוי" (Gown), אויף אידישע שמחות!

מורי ורבותי! לאָמיר זיך אליין באטראכטען ווי מיר הא לטען! דאס ווייסט יעדער אז פאר אסאך יארען צוריק האט זיך קיינער נישט גע ענט פארשטעלען אינעם ווילדסטען חלום אז מיט אזא מין לבוש וואס דעו בעל דבר האָט ערפינדען אין פאַריז (פונקט ווי אלע אנדערע מאדעס) אין צישפ יט ביי די גוים להבדיל, זאל זיך א כשר'ע אידישע טאכטער, א אייניקעל פון אונזערע הייליגע אבות אברהם, יצחק, ויעקב, זיך קענען מיט דעם אָנקליידען, אין דערפאַר ווען מען האט געזען איינעם אזוי געקליידעט איז דאָס נישט געווען מער קיין צווייפעל אז דאס מיז זיין א גויטע, גיט א קיק ווי ווייט מען איז געזינקען אז מען שעמט זיך נישט צי גיין מיט דעם, בפרט אויף שמחות, עס איז זייער באוואַוסט דאָס הייליג וואָרט פין גארליצער רב זי"ע וואס פלעגט זאגען, וויאזוי ווערט באַשאַפן א מאדע? דער בעל דבר איז ממציא א פריצות'דיגען לבוש, און טיט זיך אָהן מיט דעם, און שפאצירט אדארך די פאריזער גאַסען, אין א טאָג שפעטער איז דאס שוין צישפרייט אין די גאנצע וועלט, דאס הייסט מאדע!

היינט שטעלט אייך פאר ווי מיר האלטען אויף די וועלט! מיט די מלבושים ווערען געקליידעט אידישע טעכטער פין גאר היימישע שטיבער, אין טאקע אויף אידישע שמחות, שומו שמים!! יעדער זיכט דאך אוודאי אז ביי זיין שמחה אין חתונה זאלען ערשיינען זיינע זיידעס (כמבואר בזוה"ק ובשאר ספה"ק) היינט ווי קענט איר זיך פארשטעלען אז די הייליגע געלייטערטע זיידעס פין יענע וועלט וואס זענען אומגעקימען אויף קידוש השם טאַקע פין די גוים רוצחים בני עשיו, זאלען קענען שטיין רוהיג אין ציקיקן ווי אלע מחתונת'טעס אין אנדערע געסט זענען גוי'ש געקליידעט לויט די מאדע וואס מען האט זיך אָפגעלערנט פין די גוים אין רשעים וואס האבען זיי אומגעברענגט.

איז קיין קלער נישט דאָ אז די עלטערן פין יענעם עולם דרייען זיך אויס און גייען אוועק, פוהל מיט עגמת נפש אין צער טראַכטענדיג דאָס זענען אונזערע פירות? דאס זענען טאקע אונזערע קינדער? איז דאס טאקע די קינדער וואס מיר האבען זיך נאָך זיי געטרייסט ווען מען האָט אונז לעבעדיגערהייט פאַרברענט אויף די שטייער הויפנס? טראכטענדיג אז עפעס א אנדענק וועט כאטש איבערבלייבען!

וואָלט מען געהאַט הייליגע אויגען וואָלט מען געזען קלאר דאס גאנצע בילד אין דאָס וואָלט זיכער צישטערט די גאנצע פרייד פין די מחותנים, נאר מיר האָבען נישט די זכי' דאס צי זעהן, אָבער גלייבען גלייבט יעדער אז די הייליגע אבות וואָס האָבען זיך מוסר נפש ביי זייער לעבען אויף יעדען דקדוק קל של דברי סופרים, כ"ש אויף א לבוש וואס איז אסור מכח חוקת הגוי, וואס דער הייליגער חת"ס אין אנדער ספרים שרייבען **אז דאס ברענגט רח"ל צו שמד, און צי ווערען גוים**, השם ישמרנו. האבען פון דעם געוואלדיגען צער.

דער גאון וצדיק ר' שלמה קלוגער שרייבט (שו"ת טוטו"ד קמא קפ"ח) אז די וואס טראגען גוי'שע מלבושים ווערעז פארעכנט **פונקט ווי גוים**, דער שו"ת בית שלמה (ח"א יור"ד קצו) שרייבט אז דאס איז דער ערשטער גורם מען זאל ווערען אויסגעמישט צווישען גוים רח"ל.

מיר ווילען ערקלערן דא א ווינדערליכע רעטעניש וואס ערליכע אידען פלאגן זיך שוין לאנג צי פארענטפערן פארוואס געוויסע נשים צדקניות האלטען נישט ביים אנטוהן ערליכע באשיידענע מלבושים, וויפיל דער מאַן זאל בעטען בתחנונים, אפילו מען זאל איר איבערצייגען פיהל מאל אז זי קויפט איין פאר זיך און די קומענדיגע דורות עולם הבא [ווייל די קינדער וואקסען נאך די עלטערן געוואוינליך] אלעס העלפט נישט, קוים ווערט דאס א מאדע, דארף מען אפלו איין ווארט נישט זאגען אין אליינס טיט מען זיך מיט דעם קליידען??

דער ענטפער ווילען מיר געבען, ווילאנג דאס איז נישט א מאדע לאזט נישט דער יצה"ר, אט ווערט דאס א מאדע בעט זיך דער יצה"ר מען זאל דאס אנטוהן!

נאר דער קשיא בלייבט נאך אלץ שווער וואס פאר א הנאה האט דער בעל דבר צי מאכען פין א ערליכען לבוש א מאדע? דער תירוץ לערנען אונז די חז"ל (ב"ב פ"א), דער בעל דבר האט געוואלדיג גרויס אינטערעס אין דעם ווייל דארך דעם ווערט דער קטרוג אסאך גרעסער אין הימעל, מיט די טענה הייתכן ביז יעצט האט מען נישט געקענט? נאר אלס מאדע קען מען?

אויסער דעם האָט דאָס אַן אַנדער באַדייטונג, צי פארבלענדען די אויגען, אז דער מאדע באדייט נישט אלס פריצות (שוחט משום מאי מחייב? משום צובע!, כל שקר שאי"ב קצת אמת, אינו מתקיים!)

יעצט באַרעכנט אייך אידישע טעכטער וואָס דארפען ציעהן די הייליגע קייט, פין די פריערדיגע דורות וואָס פארא פנים וועט מען האבען נאך הינדערט צוואנציג יאר פאַר די אייגענע עלטערען אין צדיקים, זיי ווילען דאָך נישט קענען קיקען אין פנים אריין, וואָס מען האָט זיי פאַרשעמט אַזוי שטאַרק זייענדיג אויף דעם עולם, אָוועקגעטריבען מיט די אייגענע הענט פין די שמחות, אין מצער געווען זייער נשמות, חוץ דעם וואס מען היט אָפּ פאר די קינדער אזוי ווי דער חפץ חיים ז"ל שרייבט אז אַלע צרות פין קליינע קינדער נעמט זיך פין דעם.

דערפאַר דאַרף מען וויסען יעדע פרוי וואָס גייט מיט די סאָרט קליידער אָדער קירצע קליידער, נעמט אַ חלק אין די אומגליקען וואָס פאַסירט ליידער לעצטענס זייער אָפט, מיט קליידער קינדער ד' ירחם.

אין דעם זכות וואָס מיר ווילען מקבל זיין זיך אויפצופירען ערליך אידיש בצניעות, ווילען מיר אויסגעלייזט ווערען בקרוב.